LES CAHIERS YIDDISH
Revue culturelle publiée avec le concours du Centre National du Livre

# ייִדישע העפֿטן




n° 123

MARS 2008 מערץ

prix : 5 euros

Revue diffusée avec l'aide de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

פּראָפ. מאַקס קאָהן /פּאַריז

# "אַ ייִדישע קאַפע"...

ס'איז שוין זײַט, אַכט מאָנאַטן וואָס איך גיי יעדע וואָך אין אַ קאַפע אין פּאַריז ווו מען רעדט ייִדיש. דאָס איז פֿאַר מיר זייער ווירקלעך ווייל איך האָב ליב צו רעדן ייִדיש און כ'האָב נישט מיט וועמען. אָבער ס'איז נישט בלויז אינטערעסאַנט וועגן דעם, נאָר אויך צוליב די מענטשן וואָס קומען דאָ צוזאַמען, אַמיינסטן עלטערע. אָבער וואָס איז געגנוי אַן אַלטער מענטש?

מע קען זײַן יונג און אַלט אינעם קאָפּ; און מע קען זײַן אַלט און יונג אינעם קאָפּ. ס'איז וואָר, אַז דער קערפּער קען זײַן אַלט.

עס קומען זיך צונויף כּמעט יעדן טאָג עלטערע ייִדן, מענטשן וואָס רעדן ייִדיש, אָבער נישט בלויז ייִדיש נאָר אויך אַ סך אַנדערע שפּראַכן, אַזוי ווי מע קען רעדן אין מזרח-אייראָפּע : פּויליש, רוסיש אָבער אויך שפּאַניש. און ס'איז נישט בלויז דאָ איין קאַפע אין פּאַריז נאָר עטלעכע.




ציייכענונג : איזיו שערף

איך בין נישט געגאַנגען אין אַלע קאָפּיאַען אָבער ס'איז נישט די זעלבע זאַך פֿון איין אָרט צום צווייטן. די מענטשן קענען זיך שוין לאַנג און זיי ווילן נישט בלײַבן אַליין אין שטוב. טאָמער זיי האָבן אַ ווײַב קען מען פֿאַרשטיין, אַז ס'איז אפשר צוליב די ווײַב. דאָס איז נישט די איינציקע סיבה. מע וויל רעדן מיט ייִדן אין אַ קאַפע אין פּאַריז; מע וויל נישט שטאַרבן אַזוי שנעל. ס'יאָגט נישט! מע וויל לעבן, און פֿון וואָס רעדט מען? מיט מיר רעדט מען נישט אַזוי ווי צווישן זיך. מע ווייסט, אַז ס'איז דאָ אַן אויער, מע ווייסט אַז איך בין אַ פּסיכאָאַנאַליסט אין מײַן קאַבינעט. אָבער דווקא בלויז אין אַ קאַבינעט קען מען זײַן אַ פּסיכאָאַנאַליסט. אין דרויסן איז מען אַ מענטש גלייך ווי אַלע אַנדערע. ס'איז נישט דאָ קיין עלטער כּדי אָנצוהייבן אַ פּסיכאָאַנאַליז. און דאָס איז דווקא וואָס פּאַסירט עס...

איך קען נישט דאָ דערציילן וואָס אַלץ קען פּאַסירן אין אַזאַ מין אָרט, אין אַזעלכע ערטער, נאָר מען קען פֿאַרשטיין אַז דאָס איז הײַנט צו טאָג אַ זעלטענע זאַך. טאָמער מע מיינט, אַז דאָס גאַנצע ייִדישקייט איז אַוועק אין דער אייביקייט איז עס נישט אַזוי ריכטיק. מע רעדט פֿון דער אַלטער היים, פֿון חורבנס, אָבער נישט בלויז, מע רעדט וועגן די געשטאָרבענע - הײַנט און אַמאָל - מע רעדט פֿון די קינדער, פֿון די אייניקלעך, פֿון די פֿאַכן...

מ'האָט מיר שוין געזאָגט, אַז איך קען נישט מאַכן קיין אַרבל טאָמער מע שטעלט מיר בײַ אַ מאַשין. ס'איז אמת און וואָס קען איך מאַכן? מיך אויסלערנען מאַכן אַן אַרבל און פֿאַר וואָס נישט? און אַן אַרבל קען מען גאָר נישט מאַכן אים לעבן; מ'האָט נישט קיין "זשילעט" און וואָס טוט מען אָן אַ "זשילעט"? איך וועל זיך אויסלערנען מאַכן אַן אַרבל איידער ס'איז צו שפּעט. ■